בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ

# אַ מַעֲשֶׂה פַאר׳ן שַׁבָּת טִישׁ

דֶערְצֵיילְט דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

## מְכַבֵּד זַיין דִי מַאמֶע

דִי חֲסִידִים שְׁטֵייעֶן אוּן קוּקְן, דֶער רֶבִּי עֶסְט פוּן דִי זוּפּ; וִוי קֶען זַיין אַזוֹינְס? זִי הָאט דָאךְ אַיינְגֶעטִינְקֶען אִין דִי זוּפּ מַצָּה, דֶער רֶבִּי אִיז דָאךְ אַלְץ זֵייעֶר שְׁטַארְק מַקְפִּיד נִישְׁט צוּ עֶסְן גֶעבְּרָאקְטְס, וִוי קֶען זַיין אַזוֹינְס?!

דֶער הֵיילִיגֶער בֶּעלְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, דֶער שַׂר שָׁלוֹם, זִיצְט פֶּסַח נֶעבְּן זַיין מַאמֶע, דֶער צַדִיק הַאלְט זַיין מַאמֶע זֵייעֶר טֵייעֶר, עֶר זֶעצְט אִיר נֶעבְּן זִיךְ, אוּן עֶר עֶסְט מִיט אִיר פוּן אֵיין טֶעלֶער. וָואס אִין דֶען דָא עֶפֶּעס גְרֶעסֶער וִוי אַ מַאמֶע? וָואס אִיז דֶען מֶער טֵייעֶר וִוי אַ מַאמֶע? דִי מַאמֶע הָאט אַיינְגֶעטִינְקֶען דִי מַצָּה אִין דִי זוּפּ אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט נִישְׁט קַיין וָוארְט, עֶר עֶסְט וַוייטֶער דִי זוּפּ מִיט דִי מַאמֶע פוּן אֵיין טֶעלֶער.

דִי תַּלְמִידִים וואוּנְדֶערְן זִיךְ זֵייעֶר, וִוי קֶען זַיין אַזוֹינְס? דֶער רֶבִּי אִין דָאךְ זֵייעֶר מַקְפִּיד נִישְׁט צוּ עֶסְן קַיין גֶעבְּרָאקְטְס, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט מַקְפִּיד גֶעוֶוען, דִי מַצָּה זָאל נִישְׁט אָנְרִירְן קַיין וַואסֶער.

דֶער רֶבִּי גֶעבְּט זֵיי צוּ פַארְשְׁטֵיין: "נִישְׁט עֶסְן קַיין גֶעבְּרָאקְטְס אִיז אַ גוּטֶער מִנְהָג, אוּן מִיר דַארְפְן דָאס הִיטְן, אָבֶער דִי מִצְוָה פוּן מְכַבֵּד זַיין אַ מַאמֶע אִיז נָאךְ מֶער הֵיילִיג, דָאס שְׁטֵייט



אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אַז מֶען דַארְף זֵייעֶר מְכַבֵּד זַיין אַ מַאמֶע".

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר גֵייעֶן שׁוֹין זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אוּנְזֶער מַאמֶע, מִיר גֵייעֶן פָאלְגְן אוּן רֶעדְן שֵׁיין, אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט וֵוייטוּן.

נלקח מתוך הספר "עצתו אמונה"

צוּ הֶערְן דִי מַעֲשֶׂה דֶערְצֵיילְט דוּרְךְ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, רוּפְט קוֹל בְּרֶסְלֶב:
א"י: 07970-400-66
ארה"ב: 212-444-9191, 1-5-2-1